שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**'לאן אתה הולך'**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

מאמר כ"ו
חודש שבט שנת תשפ"ד לפ"ק

# פרנס החודש

האי גברא רבא ויקירא, הרבני הנכבד והמפואר, איש ישר וטוב לב,
ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, אוהב תורה ולומדיה ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

עמוד התווך

לרגל נישואי בנו הבה"ח **יואל שמעון** נ"י

עב"ג מוה"ר **אפרים אליעזר פריעדמאן** נ"י

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה יפה,
ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, דודות ישרים ומבורכים,
ואך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם, עדי נזכה לביאת
משיח צדקינו בב"א


אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9


©

כל הזכויות שמורות



נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


'התחלת צמיחת קרן משיח' ........ א

מיין קינד, וואו גייסטו?! ........ ב

אויסרייסן דעם גוי פון הארץ ........ ד

אויסגעזעצט די אויגן ........ ד

דער אויבערשטער זאגט - 'גיב מיר דיינע אויגן!' ........ ו

"אפילו נחש כרוך על עקבו - לא יפסיק" ........ ז

מיט רציחה און אכזריות ........ ח

"יש קונה עולמו בשעה" ........ יא

אדער כבוד, אדער בזיונות ........ יא

העלף אים נאר נישט צו ........ יג

צוריק דרייען דעם פערד ביי די לייצעס ........ יד

א קוק ווינציגער! ........ טו

זיך פרייען אז איך האב נישט געקענט זינדיגן ........ טז

די תאוה פון א רוצח ........ יז

"ברוך הבא 'יוסף הצדיק'!" ........ יט

מען ווייסט גארנישט וואס א איד איז! ........ כא

"מצות בטילות לעתיד" ........ כא


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **חיים נאה** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר כ"ז

## לאן אתה הולך
### שובבי"ם תשנ"ד לפ"ק

**'התחלת צמיחת קרן משיח'**

"**ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך**". רבותי, מיר געפינען זיך אויף דער וועלט אין אזא דור, אין אזא תקופה, וואס נאר צו זיין ערליכע אידן וועלן מיר ווערד זיין 'עולם הבא'![א].

איך וויל בעטן רשות צו רעדן אביסעלע דברי אגדה אין דעם ענין פון קדושה וואס כלל ישראל איז עוסק יעצט בימי השובבי"ם.

לויט די ווערטער פון רבי'ן אין סימן פ"ג[ב], קומט אויס, וואס מער עס איז קלאר און בהיר און שטארק ביי דעם מענטשן די זאך אז מען דארף זיין גאר שטארק אפגעהיטן אין דעם ענין 'במחשבה דיבור ומעשה', אט דאס איז ביי אים זיין 'צמיחת קרן משיח'!

---

**א.** עיין שיחות הר"ן אות ל"ו: ואמר (רביז"ל), **עוד יהיה זמן שמי שיהיה איש כשר פשוט, יהיה חידוש גדול כמו הבעל שם טוב ז"ל.**

**ב.** ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה פג: **ע"י תיקון הברית שהוא קשת, יכול להוציא החיצים שהיא התפילה**, שהוא חי ברכאן דצלותא, שהם תלת ווין, בחי' חיצים. ומקומם בברית, בבחי' (תהלים פט, כט) 'ובריתי נאמנת לו'. אמונה, זה בחי' תפילה, בבחי' (שמות יז, יב) 'ויהי ידיו אמונה'. **ואז התחלת צמיחת קרן משיח**, בבחי' (תהלים קלב, יז) 'אצמיח קרן לדוד', בבחי' (חבקוק ג, ד) 'קרנים מידו לו'. ידו, זה בחי' תפילה. ותפילות הם שלשה, כי כלליות משיח באבות, היינו משיח שהוא הדיבור, שבו מתפלל, בחי' 'משיח אילמים', הוא מאש מים רוח.

## מיין קינד, וואו גייסטו?!

ר' אליהו חיים ראזען[ג], וואס ער איז געוועז דער וואס האט געבויעט 'דער שול', פלעגט דערציילן [- מן הסתם האט ער עס געהערט פון דעם פריערדיגן דור], אז בשכנותו פון דעם בארדיטשוב'ער רב זי"ע האט געוואוינט עפעס א משפחה. איינמאל האט זיך ארייגעכאפט ביי א קינד - א יונגל צו א בחור'ל, א טירוף הדעת אז ער וויל אנטלויפן צו די גויים, און די מאמע האט אכטונג געגעבן אויף אים פיר-און-צוואנציג שעה א מעת לעת. צום סוף האט ער זיך געגעבן א רייס אויס און ער איז אנטלאפן. איז די מאמע געשטאנען פונדערווייטנס און האט געוויינט און געשריגן:

**"זונ'עניו - וואו גייסטו?!"**.

---

**ג.** ה"ה **הגה"ח רבי אליהו חיים** ב"ר קלונימוס קלמן **ראזען זצ"ל**, נולד י' שבט שנת תרנ"ט, בעיר קאמראווע שעל יד גבול ליטא ופולין, בגיל חמש התייתם מאביו. בילדותו למד בעיר אוסטרובה, וכשהגיע לגיל שתים עשרה עבר ללמוד בישיבת לומז'ה, נתקרב לרביז"ל ותלמידיו על ידי שראה בבית המדרש שבלומז'ה ספר 'השתפכות הנפש' ומצא חן בעיניו, ואח"כ למד סדר התקרבות אצל הגה"ח רבי יצחק'ל אטוואצקער זצ"ל, בשנת תרע"ד בהתחלת מלחמת העולם הראשונה, ברח מפולן לרוסלאנד לעיר רוז'אן, ושם הצליח לשכנע את אמו שתתן לו הרשות לנסוע לאומאן, בטענה שבאומן מכשירים בחורים להיות רבנים. וכשהגיע לאומאן דבק למורו ורבו רבי אברהם ב"ר נחמן זצ"ל, ושם נשא, הכניסו אורחים רבים, ביניהם בחורים פליטים מפולין שהם סייעו בידם להינשא. ט"ו בחשון שנת תרצ"ו נתפס ביחד עם שותפו לדבר מצוה הגה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל, על העוול של אסיפת צדקה לעניי ברסלב, ובדרך נס ניצלו סמוך לגזר דינם רח"ל, ובתקופת המתנתו למשפט קיבל אישור יציאה מרוסלאנד, ובחודש סיון שנת תרצ"ו הגיע לארץ ישראל, והשתקע בירושלים עיה"ק. נודע כעילוי וכחריף מיוחד, חכימא דיהודאי, מסר הרבה שיעורים בענוות חן מיוחד בתורת רביה"ק ז"ל, שיחותיו היו שנונות מלאי חכמת חיים, בלט בפשטותו והלך בצידי דרכים, למרות שהיו לו תלמידים רבים שעל פיו ישק כל דבר אצלם. הדפיס חלק מספה"ק ליקוטי הלכות, ועסק הרבה בעשיית חסד ובגמילת חסדים, וכשראה שבירושלים יש צורך בבית המדרש הנקרא ע"ש הצדיק, עסק בשכירות שני חדרים במאה שערים לביהמ"ד, ולאחר יגיעות וטרחות רבים וגיוס כספים בחו"ל הצליח לבנות את ה'שול' במאה שערים, והקים בו את ישיבת וכולל אברכים 'אור הנעלם', שנים רבות היה המקריא בתקיעות בקיבוץ דר"ה בירושלים עיה"ק. נסתלק בשבת קודש באשמורת הבוקר כ' כסלו תשד"ם, ומנו"כ בהר הזיתים שבירושלים עיה"ק.

אז דער בארדיטשוב'ער רב האט דאס דערהערט, האט ער אסאך געוויינט, און ער האט געזאגט: **"מען האט א געוואלדיגע התעוררות פון דעם; מען זאל וויסן - למעלה כביכול פרעגט מען יעדן איד: "לְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ?!""**[ד]

- 'וואו גייסטו?!'

מיר זענען **"בְּנֵי תְמוּתָה"**[ה] אויף דער וועלט (- כי סוף האדם למות), מיר געפינען זיך אויף דער וועלט נאר אפאר צענערלינג יארן, וואס אדער קען מען זיך איינקויפן חיים נצחיים און ווערן א שותף להקדוש ברוך הוא 'במעשה בראשית', אדער קען מען מאכן אזעלכע חורבנות וואס **"טַב לֵיהּ דְּלָא אִתְבְּרֵי"** (- טוב לו שלא נברא).

אט דאס פרעגט מען למעלה: **'לאן אתה הולך?'** - אַוואו גייסטו?!

עס איז דא א פסוק אין יחזקאל[ו]: **"עַל אֲשֶׁר יִהְיֶה שָּׁם הָרוּחַ לָלֶכֶת - יֵלֵכוּ, שָׁמָּה הָרוּחַ לָלֶכֶת, וְהָאוֹפַנִּים יִנָּשְׂאוּ לְעֻמָּתָם, כִּי רוּחַ הַחַיָּה בָּאוֹפַנִּים"** - אַוואו דער רוח איז שואב צו גיין, דארטן גייען די אופנים. דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן אין סימן י"ג[ז]: **"אופנים הן הגופים"**. סוף כל סוף מוז דער גוף גיין צו דארט אַוואו דער רוח איז שואב, און נישט נאר ער מוז גיין, נאר דער רוח איז רוכב אויף אים און ער פירט אים טאקע צו אז ער זאל אנקומען צו אַוואו ער איז שואב.

לויט ווי עס דארף זיין, וואס דער אויבערשטער זאל העלפן אז עס זאל טאקע אזוי זיין, דארף די שאיפה פון א אידן זיין, 'קרבת

---

**ד.** משניות אבות פ"ג, מ"א.

**ה.** תהלים עט, יא. ופירש"י: 'בְּנֵי הנהרגת עליך'.

**ו.** א, כ.

**ז.** ליקוטי מוהר"ן תורה יג: ואופנים הן הגופין. כי עיקר פעולותיהן של הגופין, אינו אלא מן החיות שבנפש שהנפש מראה פעולותיה ע"י איברי הגוף, ואין לגוף שום תנועה עצמיית, והכל ע"י כחות הנפש.

אלקים', 'לימוד תורה הקדושה', עבודת ה' יתברך, 'להמליכו וליחדו', דאס איז זיין תיקון, מיט דעם פירט ער אויס זיין שליחות, אט דאס איז דער תיקון פון 'כל העולמות התלויים בו'!

דער אויבערשטער האט כביכול תולה געווען כל העולמות אין 'זרע ישראל' על כל אחד ואחד - נישט אין קיין אנדערע!

מיר זענען דאס די אחראים אויף דעם!

דאס איז דער נצחיות של כל אחד ואחד - אזוי דארף דאס זיין!

## אויסרייסן דעם גוי פון הארץ

וואס מער די שאיפה איז שטארקער נחושה, שלאגט מען זיך מער מיט די קליפות שבתוכינו און מיט דעם חלק הגוי שבתוכינו. ווייל ליידער ביים חטא עץ הדעת איז געווען א קומה פון אדם הראשון פון אלע נשמות הקדושות, און א קומה פון 'אדם בליעל', און זיי האבן זיך אויסגעמישט מיט א מורא'דיגער עירבוב[ח], וואס אט דאס איז דער גוי שבתוכינו און דער גוי שבסביבותינו מיט וואס מען דארף זיך כסדר שלאגן; און כל שכן אין די היינטיגע סביבה וואס די גאנצע לופט איז פאר'סמ'ט!

דארף מען טאקע כסדר מטפל זיין אין דעם, סיי מיט דעם הייליגן רבי'נס עצות, סיי מיטן הייליגן דיבור - שרייען[ט]: **"לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי"**, האלטן דעם רוח, האלטן דעם רוח, באנייען דעם רוח, די הייליגע שאיפה, דאס אידישע הארץ!

## אויסגעזעצט די אויגן

מען דארף וויסן, עס איז נישטא אזא היפך פון א אידיש הארץ ווי פגם הברית 'אשר שנא ה' אלקינו'!

---

**ח.** תיקוני זוהר תיקון ס"ז.

**ט.** תהלים נא, יב.

עס איז נישטא אזא חילוף פון דעם 'עולם עובר' מיט דעם 'עולם הנצחי' ווי דער פגם!

פונקט אזוי ווי די שאיפה הקדושה איז דער תכלית הבריאה, וואס מיר זענען דאס דער תכלית הבריאה, מיר זענען הייליגע שותפים, און אונזער תורה הקדושה איז דער תכלית הבריאה, אזוי איז דער פגם די גרעסטע הריסה!

נישט אומזיסט זאגט דער זוהר אויף דעם פגם: **"טב ליה דלא איתברי!"**, 'טב ליה דלא איתברי', 'טב ליה דלא איתברי'.

אויף דעם האט דוד המלך געשריגן[י]: **"הַעֲבֵר עֵינַי מֵרְאוֹת שָׁוְא!"** - נעם אוועק דעם שוא! עס איז 'שוא'!

**עס איז א שרעקליכער 'שוא'!**

ער איז מורא'דיג שטארק! מורא'דיג שטארק![יא]

דער הייליגער רבי זאגט[יב], ביי מתיא בן חרש[יג] איז געקומען דער ס"מ אליין מיט א קליפה פון 'חן של שקר' פון 'אריך אנפין דקליפה', און מתיא בן חרש איז געגאנגען אנטקעגן במסירות

---

**י.** תהלים קיט, לז.

**יא.** עיין אוסף אמרים (קדושה וטהרה מאמר ד') וז"ל מורינו שליט"א: ולמעשה הרי כל התאוה הוא דבר כלה ונאבד, זה לא שוא נזיד עדשים, הוא שוא אמיתי, כנאמר "העבר עיני מראות שוא" (תהלים קיט ל"ז). צריכים לזה הכרה ברורה כי כן הוא, ושהוא התיקון הגדול ביותר שקיים, אין דבר טוב ונעים בעולם הזה, אין רחמנות גדולה מכך שהאדם מרחם על עצמו אם הוא נותן את שמירת הברית להקב"ה כראוי.
אם זה ברור אצלנו אזי אנו אנשים ניצולים, ורבינו כתב בח"ב תורה פ"ג ששמירת הברית הוא המשיח של האדם, משיח ברוחניות ומשיח בגשמיות, אין לך דבר טוב יותר מזה.

**יב.** ליקוטי מוהר"ן תורה רמב: דע שיש בחי' אריך אנפין בקליפה (ע' ע"ח שער הקליפות פ' ג') ומי שפוגע באשה מבחי' זו, קשה לו להנצל מהרהור, ואף אם יעצים עיניו, אעפ"כ בכל צד שיפנה תזדמן לו, כי היא בחי' אריך אנפין של הקליפה, שהם פנים ארוכים, וע"כ בכל צד שיפנה תזדמן לו, עכ"ל, עיין עוד שם.

**יג.** תנחומא ישן פ' חוקת א'.

נפש, ווייל ער האט נישט געהאט קיין בחירה, דער ס"מ האט אים צוגענומען די בחירה; דערפאר האט ער געזאגט, 'אז דו גייסט מיט מסירות נפש - וועל איך אויך גיין מיט מסירות נפש!' האט ער אויסגעזעצט זיינע אויגן - 'האב איך אויך נישט קיין בחירה!'

עס איז טאקע דא א ווארט: "**העבר עיני מראות שוא**" – נעם מיר צו מיינע אויגן!

### דער אויבערשטער זאגט - 'גיב מיר דיינע אויגן!'

מען זעט טאקע, חז"ל האבן געלייגט א דגוש אויף 'שמירת עינים', כאטש די זוהמא איז דאך דא אין אלע איברים און אין אלע חושים, אבער חז"ל האבן געלייגט דעם עיקר - "**אמר רבא: גמירי - דאין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות!**"[יד].

מיט דעם איז זייער גוט וואס דער ירושלמי זאגט[טו]: "**אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אִי יְהַבְת לִי לִבָּךְ וְעֵינָיךְ, אֲנָא יָדַע דְּאַת לִי**" - 'אויב דו גיבסט מיר אוועק דיין הארץ מיט דיינע אויגן, דאן ווייס איך ערשט אז דו ביסט מיינער!'.

אז דו וועסט זיך שלאגן, ערשט וועסטו מנצח זיין!

ברוך השם, מיר האבן דאך צדיקים, נביאים, כתבי האר"י, דעם רבינ'ס ספרים, וואס זיי לערנען אונז דעם ענין אז עס איז דא 'טוב ורע' - זאל מען כאטש וויסן אז עס איז נאר א נספח צו א מענטש.

אין יעדער איד איז דא א 'רע' - עס איז אריין אין אונז, און מיר מיינען אז מיר זענען עס, און עס איז טאקע ממש א מציאות פון

---

**יד.** סוטה ח' ע"א

**טו.** ברכות פ"א ה"ה.

'נתהפך לעצמותנו' - עס ווערט נכלל אין איז. אבער סוף כל סוף, "**הֵמָּה יֹאבֵדוּ וְאַתָּה תַעֲמֹד**"![טז]

עס איז דא 'יש' - דאס איז נצחיות, "**לְהַנְחִיל אֹהֲבַי יֵשׁ**"[יז], און עס איז דא 'ריק'; דער 'רע' איז 'ריק'; עס איז די זעלבע גימטריא - זה לעומת זה - י"ש איז בגימטריא רי"ק!

## "אפילו נחש כרוך על עקבו - לא יפסיק"

צדיקים האבן אונז געלערנט - דער רבי זאגט[יח] - איך האב דאס אפגעלערנט אזוי; עס איז דא אזעלכע חלקי הרע – זיבעציג מידות רעות, וואס דאס איז אזא רע וואס מען קען עס מכלה זיין און מען דארף עס מכלה זיין [פגם הברית איז טאקע כלול פון אלע זיבעציג מידות רעות - דאס איז טאקע דער **עי"ן**[יט]]; אבער עס איז דא אזא רע וואס איז אזא סארט רע וואס מען קען אים אליינס איבערדרייען פאר טוב - ער ווערט טוב, מען קען אים ניצן פארן טוב - עס איז דא אזא בחינה, און דאס איז אזא רע וואס וועט אייביג בלייבן ביז תחיית המתים, עס וועט אייביג זיין, נאר אונזער ארבעט איז - **נישט נאכגעבן! נישט נאכגעבן! נישט נאכגעבן!**

דו וועסט אויף מיר נישט רוכב זיין!

---

**טז.** תהלים קב, כז.

**יז.** משלי ח, כא.

**יח.** עיין מענין זה באריכות בליקוטי מוהר"ן סי' י"ט, ושם מבואר מענין קליפת נוגה, תרגום, שצריכין להפיל הרע שבו ולברר הטוב להפכו ולכללו בתוך הקדושה.

**יט.** עיין ליקוטי מוהר"ן תורה ל"ו, וז"ל: ודע שכללות של ע' לשון של מידותיהן הרעות הללו, היא תאות ניאוף. והוא תיקון הכללי. מי שמשבר התאוה הזאת, אזי בקל יכול לשבר כל התאוות ... ובשביל זה דרשו חז"ל (ברכות י"ב:) על פסוק: "אחרי לבבכם" וכו', (אחרי לבבכם זהו מינות. ואחרי עיניכם זו נאוף). גם שמשון הלך אחר עיניו (שם, וסוטה ט:), גם בלעם נקרא שתום העין (במדבר כד, ג) מחמת שהוא כלליות מידה רעה של מידות רעות של העי"ן לשון.

עס שטייט פון ווילנער גאון[כ], דאס איז דער סוד פון די משנה[כא]: **"אפילו נחש כרוך על עקבו - לא יפסיק"**; דאס הייסט, אפילו דער יצר הרע זאל ברענען ווי א פייער, אבער דער איד לערנט און דאוונט ווייטער, איז דא פון דעם אזעלכע שעשועים, וואס ווען מען ווייסט דאס - - די צרה איז אז מען ווייסט דאס נישט, דעריבער ווערט מען פארמאטערט.

אויב מען ווייסט ווען וואספארא שעשועים עס ווערט פון דעם 'זיך נישט אונטערגעבן', פון דעם 'זיך נישט אונטערגעבן', וואספארא נצחונות דאס וועט זיין לעתיד, וואספארא נצחונות עס איז דא אין אלע עולמות, דאן וואלט מען געטאנצט אין דער לופטן פון שמחה!

**מען דארף אבער גלייבן!**

עס וועט אייביג זיין (חלקי הרע שלא יפסקו), **אבער נישט פאלגן!**

אים נישט פאלגן!

ער וועט אויף מיר נישט רוכב זיין!

איך וועל אויף אים רוכב זיין - נישט ער אויף מיר!

**מיט רציחה און אכזריות**

עס איז דא א מידה רעה, א מידה מגונה פון אכזריות מיט נקמה, דאס איז א מידה רעה, אבער מיט די מידה רעה - און נאר מיט די מידה רעה, קען מען זיין א שומר הברית!

אין 'תורת הקדושה' איז דא אזעלכע לימודים וואס עס זענען דא אזעלכע זמנים וואס מען קען דאס נישט בייקומען נאר מיט רציחה, נאר מיט אכזריות - ללא רחם!

---

**כ.** על תיקוני זוהר תיקון כ"א, דף מב ע"ב, וזל"ש: "לא יפסיק" כו' דבגין כו' אכל בגין כו'. **הענין כי כל זמן שמאמין באחדותו ית' אפילו עובר כמה עבירות אינו מומר לכל התורה ואעפ"י שחטא ישראל הוא ומצטרף למנין** כמ"ש עבריין כו' ונכלל תפלתו בכלל ישראל.

**כא.** ברכות לג.

אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט[כב]: "**וְרַחֲמֵי רְשָׁעִים אַכְזָרִי**"[כג] - זיי קומען אז זיי ווילן רחמנות האבן אויף דיר, אבער דאס איז דער גרעסטער אכזריות, זיי ווילן דיר מאכן אומגליקליך 'לעולמי עד ולנצח נצחים', זיי ווילן דיר צונעמען דער וועלט מיט יענער וועלט.

עס שטייט פון בעל שם[כד], אמאליגע צייטן פלעגט דער יצר הרע משחד זיין א מענטשן מיט 'דער וועלט' - און ער האט אים צוגענומען 'יענער וועלט', היינט איז ער אבער משחד מיט 'דער וועלט' - און ער נעמט אים צו 'דער וועלט מיט יענער וועלט'! - אזוי שטייט פון בעל שם [- עס שטייט אין ספר בעל שם על התורה, ער ברענגט אראפ נאר וואס מען האט געהערט פון תלמידי בעל שם; דער בעל שם האט עס געהערט מלמעלה מן הסתם!].

ממילא, אז ער קומט מיט רחמנות וואס דאס איז דער גרעסטער אכזריות, דארף מען אים געבן מיט אַן אכזריות וואס דאס איז דער גרעסטער רחמנות!

עס איז דא זמנים וואס אָן דעם קען מען בשום אופן נישט!

---

**כב.** ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה ח': ולפעמים, כשהס"א יונקת מן הרחמנות, אזי הם ממשיכין לעצמן הרחמנות, ואזי נתמעט הרחמנות אצלינו. ואפי' מעט הרחמנות שנשאר, הוא בבחי' אכזריות. כי ע"י שהם יונקים מן הרחמנות, נתקלקל הרחמנות ונעשה אכזריות, כי רחמי רשעים אכזרי (משלי יב). וע"כ גם מעט הרחמנות הנשאר אצלינו, הוא בבחי' אכזריות, כי נתקלקל ע"י שהם יונקים מן הרחמנות ח"ו כנ"ל. וזה בחי' (איכה ד, ג) גם תנים חלצו שד, זה בחי' רחמנות דסט"א, בחי' כשד משדי (ישעיה יג, ו). כי שדי הוא בחי' רחמנות דקדושה, בבחי' (בראשית מג, יד) ואל שדי יתן לכם רחמים, שהוא בחי' תפילה, שהוא שידוד המערכות. וע"י שד משדי, בחי' הרחמנות דס"א, בחי' גם תנים חלצו שד, עי"ז בת עמי לאכזר. כי עי"ז שהם יונקים מן הרחמנות, עי"ז גם מעט הרחמנות הנשאר אצלינו, נפגם ונעשה אכזריות כנ"ל.

**כג.** משלי יב, י.

**כד.** מובא בתולדות יעקב יוסף פרשת נח, וז"ל: שמעתי כי לשעבר היה היצר הרע רק לדחותו מעולם הבא, מה שאין כן עתה, נתחכם לדחות את האדם מעולם הזה ומעולם הבא, כגון טרדת הפרנסה אשר יומם ולילה לא ישקוט, ואין לו מנוחה בעולם הזה, ומכל שכן שאין לו פנאי לפקח בעניני עולם הבא ונדחה משניהם וכו'. מובא בספר בעש"ט על התורה פר' בראשית אות קמ"ד.

די גמרא זאגט טאקע אין מסכת תמיד דף ל"ב (ע"א): **"מה יעביד איניש ויחיה? ימית את עצמו!"**. די ראשונים זאגן שוין: **"ימית תאותו!"**. טאקע "מידת היסוד" רופט זיך, "ח"י עלמין", "חיים נצחיים". אבער רש"י זאגט: **"ישפיל את עצמו"**.

זאגט דער הייליגער רבי אין די תורה'לע פון "תקפו של יוסף ענוותנותו של בועז"[כה], אז עס איז שטארק תלוי זה בזה; 'גאוה' מיט 'דעם' (- הפוגם בקדושה) איז גאר איין זאך. קומט אויס, דאס וואס רש"י זאגט "ישפיל את עצמו", איז גאר איין שורש מיט דעם וואס חז"ל זאגן "ימית תאוותו".

עס איז טאקע "ימית" - אויפן פלאץ איז עס 'ימית'![כו] עס איז ממש מסירות נפש, ווייל אז עס ווערט א חלק מעצמותנו איז דאס 'ימית את עצמו'!

דערפאר טאקע, דער רבי זאגט אין תורה ל"ו[כז] [– דער רבי רעדט דארט פון מלכות דקדושה, פון די י"ב שבטים], עס איז דא "אחד" וואס דאס איז 'מלכות דקדושה', און עס איז דא "אחר" – "אל אחר".

---

**כה.** ליקוטי מוהר"ן תורה ק"ל: (סוכה נ"ב ע"א) ע"י ענוה ניצול מניאוף, וזוכה לשמירת הברית ... וזה שארז"ל (סנהדרין י"ט ע"ב): **תקפו של יוסף ענוותנותו של בועז, תקפו של בועז ענוותנותו של פלטי בן ליש. כי הוא תלוי בענוה, כי ע"י ענוה ניצול מפגם הברית.** וז"ש כל הגדול מחבירו, שיש לו גדלות. יצרו גדול ממנו, שמתגבר עליו היצה"ר בתאוות ניאוף, כי זה עיקר היצה"ר, כמובא בזוהר (ויקרא דף ט"ו ע"ב) עיקרא דיצרא בישא לגלאה עריין.

**כו.** עיין אוסף אמרים (קדושה וטהרה מאמר י') מה שמוסיף מורינו שליט"א ע"ז, וז"ל: אבל מיד לאחר שזכו לעמוד בנסיון, צריכים להיות מאושרים ושמחים, כי רכשו לעצמם חיים נצחיים. ודייקא בדורינו אנו, דור חושך ואפילה, ויראי ה' נתמעטו, כמה חשובה אצל השי"ת כל כפית יצר וכל המְלָכה של יהודי.

**כז.** ליקוטי מוהר"ן תורה לו: כשמפסיק הנקודה מהדלת של אחד, והנקודה היא אות ברית, אזי נעשה אחר. היינו כשמכניס בריתו בזונה, הנקראת מלכות הרשעה, הנקרא אל אחר, אבל מי שמקדש א"ע מזאת התאוה, אזי הוא נתקשר במלכות שמים הנקרא אני, כ"ש (ויקרא יט, ב) קדושים תהיו כי קדוש אני, ובכל מקום שאתה מוצא גדר ערוה תמצא קדושה (זוהר מקץ ר"ד ע"ב). 'אבל מאן דגלי עריין, הכי איהו אתגלי בין אינון עריין, דאינון אלקים אחרים' (תיקונים תקון נ"ו דף צ"ג). ובשביל [זה] מובא בזהר (קדושים פ"ד): כד חזי רבי שמעון נשי שפירין, אמר: "אל תפנו אל אלילים". כי ניאוף היא עריות, אלקים אחרים, מלכות הרשעה.

וואס איז דער חילוק? דער קוץ פון דעם אות ד'; זאגט דער הייליגער רבי, דאס איז שמירת הברית!

את דאס איז דער גאנצער איד!

אויף עבודה זרה דארף מען גיין "יהרג ואל יעבור"![כח]

## "יש קונה עולמו בשעה"

ברוך השם, אין דער צייט וואס דאס איז מסירות נפש נאר לשעה - **"יש קונה עולמו בשעה"**[כט]; אבער דא איז "יש קונה עולמו" - דער וועלט מיט יענער וועלט - "בשעה"!

עס שטייט טאקע פון דעם חוזה[ל], א מענטש דארף וויסן, איז ער אפגעהיטן - איז ער ווערד אלעס, ער איז ווערד זיין עסן, ער איז ווערד זיין טרינקען, ער איז ווערד זיין אָטעם - ער איז אלעס ווערד; איז ער אבער פוגם, זאגט ער, **"עַבְדָּא - נְהוֹם כְּרֵיסֵיהּ לָא שָׁוֵי"**[לא] - ער איז נישט ווערד זיין עסן, ווייל "טב ליה דלא איתברי".

## אדער כבוד, אדער בזיונות

עס איז דא א גאנצער פרק באופן נפלא אין "עץ חיים"[לב], איך וועל זאגן נאר דעם שורש פון דעם; ביי יעדער מענטש איז דא חב"ד חג"ת נהי"ם [- דאס איז דא אין יעדע קומה - כל שכן ביי א מענטשן]; די נקודה פון די ג' ראשונות (חב"ד), דאס איז דער 'מח';

---

**כח.** סנהדרין עד.

**כט.** עבודה זרה י' ע"א.

**ל.** הנהגות החוזה אות ח': כמו העולמות שאם לא הי' משגיח הבוב"ה בהם רגע אחד מהם הי' הם בטלים, **כן האדם בזה הרגע שאדם במחשבה אחרת הוא בוודאי אינו נקרא חי חס ושלום.**

**לא.** בבא קמא צז ע"ב.

**לב.** שער מ' דרוש י"ב, עיין עוד שער כ"ז פרק ב'.

די נקודה פון חג"ת, דאס איז דער 'לב'; די נקודה פון נה"י, דאס איז דער 'כבד'.

דער מח, דאס איז די 'נשמה'. און לב, דאס איז דער 'רוח', אזוי ווי עס שטייט[לג]: "**לֵב** טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים **וְרוּחַ** נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי". און דער כבד, דאס איז דער 'נפש' - 'כבד מלא דם'[לד]. זאגט דער אר"י הקדוש[לה]: "**וסימן לדבר: 'נפש כי תחטא'**"[לו]; דאס הייסט, דער גראבער מָוֶת'דיגער חטא איז דארטן אין דעם כבד. [עס איז א גאנצער ענין דארטן וועגן דעם - עס איז נישט פאר יעצט מסביר צו זיין].

על כל פנים, אז מען איז משליט דעם **מח** על הלב, און דער **לב** איז שולט על ה**כ**בד, איז דאס "מל"ך" – דאס איז מלכות, מען איז א מלך. אבער אויב איז פארקערט, דער כבד איז דער מלך אויפן לב, איז דאס כל"ם; "**אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימ"ה"!**

מען זעט, בשעת עס איז טאקע געווען ביי אידן דעם פגם, האט עזרא הסופר אנגעהויבן צו מתפלל זיין צום רבונו של עולם[לז]: "**בֹּשְׁתִּי וְנִכְלַמְ"תִּי לְהָרִים אֱלֹקַי פָּנַי אֵלֶיךָ**" - ווי קען איך זיך אויפהייבן די אויגן פאר דיר - רבונו של עולם?!'.

אט דאס איז 'מלכות'!

דער אויבערשטער איז מכבד א שומר הברית, "**כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד, וּבֹזַי יֵקָלּוּ**"[לח]; 'מכבדי אכבד' - דאס גייט אויף די שומרי הברית,

---

**לג.** תהלים נא, יב.

**לד.** "והדם הוא הנפש" - דברים יב, כג.

**לה.** שם שער ו', פרק ב'.

**לו.** ויקרא ד, ב

**לז.** עזרא ט, ו.

**לח.** שמואל-א ב, ל.

וואס אז ער קומט נאר אין קבר - אנטלויפן די לילין און שדים, זיי ציטערן פאר א שומר הברית! - עס איז דא א בפירוש'ער רש"י אויף דעם.

דער גיהנום איז נישט שולט **'על מאן דנטר ברית'!**[לט]

עס איז **"כאילו קיים כל התורה כולה!"** - אזוי זאגט דער זוהר הקדוש[מ].

## העלף אים נאר נישט צו

עס איז נאר א זאך וואס מען דארף עס וויסן - א חיזוק; מיר האבן דאך אסאך זוהמא - עס איז דא אסאך זוהמא אויף דער וועלט, כל שכן היינט אז מען גיט נאר אַן אָטעם. עס איז דאך א בפירוש'ע גמרא[מא], 'א מענטש ווערט נישט ניצול פון הרהורים רעים'. דארף מען אבער וויסן, **"לא ניתנה תורה למלאכי השרת"**[מב] - נאר נישט נאכגעבן! נישט נאכגעבן די מחשבה! נישט צוהעלפן!

נאך מער, אפילו מען פארגעסט זיך און מען האט עס צוגעהאלפן, האב איך ארויסגעהאט פון דעם אור החיים הקדוש[מג], דארף מען זיין א זריז אז אין דער ערשטער רגע וואס דו כאפסט אז די מחשבה איז פארגאנגען צו דער סטרא אחרא, טראכט, 'דער רבונו של עולם וויל אז איך זאל נישט הנאה האבן פון די מחשבה - איך טראכט עס נישט!' - מען דארף עס נישט דוחה זיין בכח, העלף עס נאר נישט צו, וועפט עס אויס!

---

**לט.** עיין זוהר ח"א ק"ז ע"א.

**מ.** שם קצ"ז ע"א.

**מא.** בבא בתרא קסד ע"ב.

**מב.** יומא ל' ע"א.

**מג.** פרשת אחרי.

מען קען זאגן - דאס איז אַן עבודה 'כל ימיו'! און דאס איז אַן עבודה קדושה![מד]

מיט יעדער זיכוך ווערט א תיקון איך 'זיך' און אין די 'בריאה'!

איי, מען זעט נישט? בשעת מען קלאפט אפ בלאטע זעט מען נישט ווי עס ווערט ווינציגער, אבער דאס איז דאס, פארטיג, עס ווערט נישט נאבד, עס גייט נישט לאיבוד!; מען דארף שטארק וויסן דער זאך.

## צוריק דרייען דעם פערד ביי די לייצעס

דער רבי זאגט אין די "הקדמה" אויפן תיקון הכללי[מה] [- דאס איז אדער פון רבי נתנ'ען, אדער בשם דעם רבי'ן], אז עס איז דא אמאל א סוס וואס גייט אראפ פון שביל - עס פארפארט, דרייט

---

**מד.** עיין אוסף מכתבים (ח"ד מכתב רל"ח) וז"ל מורינו שליט"א: זה מקרוב אמרתי איזה רעיון שיש בו התחזקות רבה. ע"פ מה שמובא שיוסף הצדיק היה לו הנסיון במשך כל שנים עשר חדשים שהיה בבית פוטיפר. ומובא שבגדים שלבשה שחרית לא לבשה בין הערביים, והיתה מטרידה אותו תמיד יומם ולילה ללא הפסק. והתורה הק' סיפרה רק את סוף המעשה. עכ"פ אחר ששבר כל כך הרבה נסיונות במשך י"ב חדשים, יום יום, הלא היה צריך להוושע. והנה אחר כל זאת שמוהו בבית הסוהר למשך שתים עשרה שנה. נמצא שהנסיון של בית הסוהר היה נסיון גדול מאד, שאחר כל הנסיונות האלו עוד יענשוהו מן השמים להכניסו לשתים עשרה שנה בבית הסוהר. וגם שם בבית הסוהר – בתוך החושך ברוחניות וגשמיות, היה לבו תמים עם ה' אלקיו ולא הרהר אחר מדותיו של הקדוש ברוך הוא, כמו שכתוב ששר בית הסוהר ראה כי ה' אתו.

ומובא שאחר כל זה, כשיצא מבית הסוהר בשלימתו ובתומתו, נכנסה בו נשמת אדם הראשון קודם החטא, סוד זיהרא עילאה.

וזה מוסר השכל גדול, שלא להרהר אחר מדותיו של הקב"ה, ולדעת כי צדיק ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו, והכל מתהפך לטובה גמורה ממש, בלי שום ספק.

**מה.** וזל"ש, מובא גם בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' נ': המחשבה ביד האדם להטותה כרצונו למקום שהוא רוצה, וכמבואר במקום אחר, שאי אפשר שיהיו שני מחשבות ביחד כלל, ואפילו אם לפעמים הולכת מחשבתו ופורחת ומשוטטת בדברים אחרים וזרים, הוא ביד האדם לחזור ולהטותה בעל כרחה אל הדרך הישר, לחשב מה שראוי. **והוא ממש כמו סוס שפונה מן הדרך וסר לדרך אחר, שתופסין אותו באפסר וכיוצא, ומחזירין אותו בעל כרחו**

מען איר צוריק און פארטיג, און אז עס גייט ווייטער אראפ - גיט מען איר ווייטער א ציה, און אז עס גייט ווייטער אראפ - גיט ער א ציה ווייטער.

אט דאס איז די ארבעט!

עס איז אַן עבודה תמידית, מען דארף זיך נאר נישט איבערשרעקן פאר דעם - נאר ווייטער אוועק! ווייטער אוועק! ווייטער אוועק!

דאס איז 'עבודת השם', דאס איז עבודת הכרם, וואס דורכדעם איז מען מכלה די קוצים שבכרם; **זיך נישט איבערשרעקן!**

### א קוק ווינציגער!

מען דארף דאס שטארק וויסן און נישט פארגעסן, עס איז דא פון דעם הייליגן רבי'ן דער סוד פון "נקודות טובות" - 'זיך פרייען מיט יעדע נקודה טובה!'[מו]

---

**אל הדרך הישר, כמו כן במחשבה ממש, שיכולין לתפסה בעל כרחה להשיבה אל הדרך הראוי.** ועיין בחיי מוהר"ן אות מ"ד, מה שכתב מוהרנ"ת על זה, וזל"ש: סיפר לי איש אחד מאנשי שלומנו שפעם אחת דיבר רביז"ל עמו מענין זה ואז ביאר קצת יותר. ואמר שהמחשבה נבראת שלא תהיה נחה לעולם, והוא כמו האינו נח שבאבן השעות (שקורין אום-רוה) [שעון] שאינו נח לעולם. ואפילו בשעת שינה המחשבה חושבת לעולם, רק שכשהשינה חזקה על האדם אז הוא שוכח מה שחשב, אבל באמת אין המחשבה שובתת לעולם. ועל כן על ידי שמטין המחשבה למחשבה אחרת כרצונו, על ידי זה יכולין לבטל ולהתגבר על כל המחשבות זרות והרהורים ובלבולים. והכלל שזה שנדמה להאדם שקשה לשבר מחשבות והרהורים ובלבולים הוא שקר גדול, כי באמת המחשבה ביד האדם להטותה כרצונו כנ"ל. רק מחמת שהמחשבה מתנענעת וחושבת תמיד ואינה נחה לעולם, נדמה לו שאין בידו לבטל המחשבות רעות. אבל באמת בידו להטות המחשבה ממחשבה למחשבה אחרת, כרצונו לתפסה ולהוציאה ממחשבות רעות למחשבות טובות כנ"ל.

**מו.** ליקוטי מוהר"ן תורה רפב: כן צריך האדם למצוא גם בעצמו, כי זה ידוע שצריך האדם ליזהר מאד להיות בשמחה תמיד, ולהרחיק העצבות מאד מאד (כמבואר אצלינו כמה פעמים) ואפי' כשמתחיל להסתכל בעצמו ורואה שאין בו שום טוב, והוא מלא חטאים, ורוצה הבעל דבר להפילו על ידי זה בעצבות ומרה שחורה ח"ו, אעפ"כ אסור לו ליפול מזה, רק צריך לחפש ולמצוא בעצמו איזה מעט טוב, כי איך אפשר שלא עשה מימיו איזה מצוה או דבר

אויף יעדעס שטיקל וואס מען איז נישט נכשל געווארן – ברוך השם פאר דעם!

מיט יעדע הרהור ווינציגער, מיט יעדער קוק ווינציגער - ווי מען קוקט אויס, זיך פרייען מיט די נקודה טובה!

אט דאס וועט בלייבן - פון אנדערע זאכן וועט גארנישט בלייבן - **פריי זיך מיט דעם!**

דער הייליגער רבי האט מגלה געווען, עס וועט נישט לאיבוד גיין, **"לית רעותא טבא דיתאבד"!** [מז]

כל שכן א בחינה פון שבירת היצר 'באיזה בחינה שהוא' - במחשבה דיבור ומעשה - **עס איז חשוב! עס איז חשוב! עס איז חשוב!**

## זיך פרייען אז איך האב נישט געקענט זינדיגן

עס איז מיר אמאל אויסגעקומען א מורא'דיגע חיזוק פון דעם הייליגן רבי'ן, [איך ווייס נישט פון וואנעט איך האב עס ארויסגענומען], אז כפי דעת רבינו, אפילו אז א מענטש זאל חס ושלום אריינפאלן אין א רוח סערה אז ער וויל לויפן זינדיגן ח"ו - דער אויבערשטער זאל שומר ומציל זיין, און דער אויבערשטער האט אים געמאכט א מניעה און עס איז אים נישט געגאנגען - וואס דאס זאל נאר זיין - ער האט נישט אויסגעפירט דעם חטא, דער חטא איז נישט געווארן - עס איז דאך פארהאן אמאל מניעות, זאל ער

---

טוב, ואף שכשמתחיל להסתכל באותו הדבר הטוב, הוא רואה שהוא ג"כ מלא פצעים ואין בו מתום, היינו שרואה שגם המצוה והדבר שבקדושה שזכה לעשות, הוא ג"כ מלא פניות ומחשבות זרות ופגמים הרבה, עכ"ז איך אפשר שלא יהיה באותה המצוה והדבר שבקדושה איזה מעט טוב, כי עכ"פ איך שהוא, עכ"פ היה איזה נקודה טובה בהמצוה והדבר טוב שעשה, כי צריך האדם לחפש ולבקש למצוא בעצמו איזה מעט טוב, כדי להחיות את עצמו, ולבוא לידי שמחה כנ"ל, ועל ידי זה שמחפש ומוצא בעצמו עדיין מעט טוב. עי"ז הוא יוצא באמת מכף חובה לכף זכות ויוכל לשוב בתשובה.

**מז.** זוהר ח"ב ק"נ ע"ב.

זיך פרייען מיט דעם - 'ברוך השם, ברוך השם, דער אויבערשטער האט מיך געראטעוועט! ברוך השם עס איז נישט געווארן!'

אפילו אויב ווען נישט די מניעה וואלט ער עס יא געטון - אבער אויב פריידט ער זיך מיט דעם - 'אדרבה, זאל עס זיין א נחת רוח פארן אויבערשטן!' און ער שפירט ביי זיך אז ער האט טאקע גארנישט געטון אבער איך פריי זיך אז דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב ווינציגער דערצערנט דעם אויבערשטן, דאס אליין איז אזוי חשוב ביים אויבערשטן אזויווי ער וואלט אליין בייגעשטאנען דעם נסיון!

עס איז קיין ספק נישט – דאס האט דער רבי מגלה געווען אין נקודות טובות![מח]

## די תאוה פון א רוצח

מען דארף טאקע וויסן, בשעת מען האט א נסיון - כל אחד לפי ענינו, נעמט מען אים צו די מוחין[מט]; עס בלייבט אמאל איבער א רשימה דקה, אבער מען נעמט צו די מוחין, עס ווערט נתבטל דער

**מח.** עיין עלים לתרופה במכתב שכתב הרה"ק מוהרנ"ת זצ"ל לבנו ר' יצחק - מיום ה' ראה תר"ד, שמפַרט באופן פרטי הדרך והלימוד לילך בדרך הקודש הזה לשמוח עם הנקודות טובות, כשבין השאר מוזכר גם שם כמה דברים שאינו תלוי בבחירת האדם **כלל**, וז"ל שם, ודוק: ועתה בני חביבי תתחיל מעתה לפרש לך מחדש התורה על פסוק אזמרה לאלקי בעודי, ותתחיל מחדש להרגיל עצמך לילך עמה בכל יום מחדש, ומאהבתך ומהחיוב לקיים "והודעתם לבניך ולבני בניך", הנני מלמדך קצת דברי התורה הזאת מחדש בלשון טייטש, כדי שיכנסו הדברים בלבך לילך בהם בתמימות ובפשיטות, וכך היה אומר רבנו הגדול והנורא זצוק"ל, אז א מענטש זעהט ער איז זייער שפל, טאר ער ניט אראפ פאלין, נאר ער מוז זיך מחיה זיין און זאל זיך מישב זיין וויא האב איך פארט ניט אמאל עפיס עפיס גוטץ גיטאן, וויא האב איך ניט עפיס א מצוה גיטאן, ... רבונו של עולם, וויא אזוי איך בין, וויא אזוי איך בין, אזוי וויא דוא ווייסט און איך וויס מיין ווייטיג, דוא האסט זיך פארט מיט מיר חסד עולם גיטאן **און האסט מיך באשאפין מזרע ישראל ולא עשני וכו', און מע האט מיך פארט גישניטין און בלוט פארגאסן צו אכט טאג**, און אין חדר האב איך גילערינט א"ב און סידור און חומש און גמרא וכו', **וויפיל שניט און יסורים האב איך גיליטין פן דיא מלמדים**, און אליין האב איך מיך אויך גימוטשיט כמה פעמים, עכ"ל, עיין עוד שם.

**מט.** עיין ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ו, אות ח': **וכמו ששמעתי מפיו הקדוש**

זכרון; דארף מען דעמאלטס, ווי מען זאגט, זיך מתאכזר זיין אויף זיך 'אָן קיין פארוואס'!

עס איז דא אין נקמה אזא זאך - **'אָן א פארוואס'!**

עס איז אמאל געווען ביי מיר פאר דרייסיג יאר צוריק, אפאר חברה, גאנץ קלוגע מענטשן, זיי זענען געקומען נעמען ברכות און זאכן. אינמיטן האב איך געזען אז זיי זענען רוצחים! איך האב אויסגעקוקט - 'דער רבונו של עולם זאל העלפן זיי זאלן נישט נאכאמאל קומען דא!'.

בכל אופן, פרעגט מיר איינער פון זיי, "מתי מותר להרוג?", זאג איך אים, "דו האסט נישט וואס צו טון?", זאגט יענער, "די געשמאקסטע זאך ביי מיר איז, נעמען א מענטש און אים דערשטיקן!..."

- דאס איז אים די געשמאקסטע זאך אין דער וועלט - אָן א פארוואס - עס איז דא אזא זאך...

אזא איינער, ווען דער בעל שם נעמט אים אריין אין די קדושה איז ער איין צדיק אין דער וועלט!

עס איז דא אזא זאך, און מען דארף עס ניצן אויף 'קדושה'!

"מה יעביד איניש ויחיה? ימית את עצמו!" - עס איז נישטא קיין אנדערע עצה!

---

**שבשעת הנסיון של כל האדם, אין האדם בדעתו בשלימות בענין הנסיון, כי אם היה דעתו שלם בזה, לא היה לו נסיון כלל.** גם עיין ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ו, י"ז: **כשמנסין את האדם לוקחין ממנו את שלימות הדעת, שזהו עיקר הנסיון, כאשר שמעתי ממנו ז"ל.** ויוסף עבר עליו כל זה והיה בנסיון גדול ועמד בנסיון ועל ידי זה זכה שיהיה לו כח לברר ולמצא הטוב בכל מקום שהוא, שעל ידי זה היה כח לישראל להיות במצרים בגלות, כי למחיה שלחו אלקים, כי לולא כח יוסף הצדיק שהקדים לפניהם שם לא היה כח לישראל לעמד בגלות.

**"ברוך הבא 'יוסף הצדיק'!"**

איך האב שוין דערציילט די מעשה אפשר כמה פעמים, האלב איז געדרוקט[נ] און די אנדערע האלב האט מיר עפעס א גדול בישראל געזאגט וואס ער האט דאס מקבל געווען. עס איז געווען ווען דער חוזה מלובלין האט חתונה געהאט און מען איז געגאנגען צום באדעקן, האט ער געזאגט זיין טאטן, "זי האט נישט קיין אידישע צורה - איך לויף אוועק!". זיין טאטע האט שיער געפלאצט, "האב רחמנות, האב רחמנות - פארשעם איר נישט!" - "בסדר, גוט טאטע!".

מען איז געגאנגען צום באדעקן, עס איז אריבער די גאנצע חופה, די גאנצע חתונה, מיט אלע כלי-זמר מיט אלע שמחות, שוין. אז עס איז געקומען צום אהיימגיין אין שטוב, האט ער געמאכט א בריחה - ערלעדיגט. אט דאס איז געדרוקט[נא].

די אנדערע חלק איז נישט געדרוקט; ער איז אוודאי אנטלאפן 'במקום שאין מכירים אותו', ער האט נישט געקענט זיין צווישן מענטשן וואס קענען אים, און ער איז דאך געגאנגען אנגעטון אזוי ווי א חתן גייט אנגעטון. האט דער אויבערשטער מסבב געווען סיבות מסיבות שונות אז דארט וואו ער האט זיך געוואלגערט האט ער געהאט יוסף הצדיק'ס נסיון, און די מוחין זענען אים אוועק אינגאנצן, דער טמטום הלב איז געווען אזוי 'איום ונורא' אז ער האט פארגעסן אז עס איז אַן איסור...

איין רשימה איז אים געבליבן, ער האט דאך געלערנט ביים רבי'ן ר' שמעלקא (מניקלשבורג) אין ישיבה - מען פלעגט דארטן לערנען זיבעצן שעה א מעת לעת, איז בשעת ער האט זיך געוויקט אין די בחור'ישע יארן ביים רבי'ן ר' שמעלקא - דער רבי ר' שמעלקא איז דאך געווען א תלמיד ביים מגיד, האט ער זיך איינגעקויפט

---

**נ.** מובא בספרי קאמארנא, ע"ע 'שפת אמת' (חוזה) פר' וישב, 'אהל אלימלך' אות קכ"ב, ו'עשר אורות' מערכת ו' אות י"ז, ועוד, בכמה מיני גירסאות.

**נא.** ומסופר שאכן אחרי כן אחר זמן קצר המירה דתה רח"ל.

אזא עבודה - 'ער וועט זיך נישט געבן קיין ריר סיידן לנחת רוח לבוראי - אפילו נאר א פינטל מיט דער אויג!' - אזא לימוד האט ער געלערנט!

'מען קען אין לעבן נישט געבן א פינטל מיט דער אויג וואס איז נישט קיין נחת רוח לבוראו!'

- אט די זאך האט ער זיך דערמאנט – 'מען טוט נישט קיין זאך וואס איז נישט קיין נחת רוח פארן אויבערשטן!'. איז א נחת רוח אין דעם פארן אויבערשטן האט ער דאך נישט געזען, איז אפילו ער האט שוין פארגעסן דעם חומר החטא האט ער זיך אבער געשטארקט אין דער זאך אז מען טוט נישט קיין זאך אָן קיין נחת רוח פאר דעם בורא עולם, האט ער טאקע גענוצט דעם גרעסטן אכזריות מיט אט די רשימה, און טאקע "יצא בשלום"[נב].

דערנאך האט אים געשיינט צו מאכן א נסיעה צום רבי'ן רבי שמעלקא, ער האט אנגעקלאפט אין טיר, האט דער רבי ר' שמעלקא געגעבן אַן עפן אויף דער טיר: **"קום אריין 'יוסף הצדיק'!"**[נג].

---

**נב.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ב: ועקר היהדות הוא רק לילך בתמימות ובפשיטות, בלי שום חכמות, ולהסתכל בכל דבר שעושה, שיהיה שם השם יתברך, ולבלי להשגיח כלל על כבוד עצמו. רק **אם יש בזה כבוד השם יתברך יעשה, ואם לאו - לאו, ואזי בודאי לא יכשל לעולם.**

**נג.** עיין 'דברי יחזקאל' פר' קדושים (ליקוטים כתי"ק): וסיפר מעשה שהיה לרבינו הק' מלובלין נסיון גדול בילדותו ועמד בנסיון ואמר עליו רבינו הק' מליזענסק: **'ברוך הבא יוסף הצדיק!'** גם אמר שבשעת הנסיון פחז עליו יצרו שהיה אז בסכנת נפשות וברח לחוץ והקור היה סכנת מות ואמר רבינו הק' זי"ע הנ"ל **הלא זה כמה קבלתי על עצמי שמה שאינו יודע בבירור אם הוא רצון הבורא ית' לא אעשה** וברח לחוץ והקור היה גדול עד שריחם עליו בל עגלה אחד והרגיש בעצמו הקדושה, עכ"ל. גם עיין בספה"ק פרי צדיק פר' וישב - אות י"ב: על פי מה שסיפרו מרבינו הקדוש מלובלין זצוק"ל שניצול מנסיון אף שנדמה לו כהיתר על פי פיתוי היצר הרע רק שנזכר **שגדר בעדו שלא יעשה דבר רשות שלא יוצמח כבוד שמים ממעשה זו** ועל ידי כן פירש. מובא בכמה ספרים בגירסאות שונות; עיין ספר עשר אורות בערכו אות כ"ג; אהל אלימלך אות קכ"ב, קכ"ג.

## מען ווייסט גארנישט וואס א איד איז!

נאך א סיפור איז דא טאקע, דער חוזה האט אמאל גע'חלש'ט און מען האט אים נישט געקענט דערמונטערן, אלע חסידים האבן זיך געקאכט, "וואס טוט מען, מען דארף אים דאך דערמונטערן?!" איז געקומען איינער און געבראכט אביסל 'בושם' (של נשים), און געגעבן א גיס אויס נעבן אים, האט ער זיך געגעבן א הייב אויף און אנטלאפן צו א צווייטע גאס... - דאס איז זיי געליגן אין דער בלוט בהעלם.

דורך די זאך טאקע פון **"שִׂנְאוּ רָע"**[נד], דורכדעם ווערט מען **"אֹהֲבֵי ה'"**, עס דרייט זיך איבער די אהבה צו דער צד הקדושה! מען באקומט א מתנת אלקים אז מען ווערט א 'שנאו רע'; צו דעם מתנת אלקים האבן שוין אסאך אידן זוכה געווען!

עס איז טאקע א גרויסע מדריגה, אבער עם-כל-זה, עס איז געווען אידן וואס האבן זוכה געווען דערצו - צו "אוהבי ה' שנאו רע"! עס איז געווען ביי אידן געוואלדיגע ערליכע אידן! אַה, וואס איז געווען ביי אידן! עס איז געווען ביי אידן געוואלדיגע מענטשן! מען ווייסט גארנישט וואס אידן זענען!

## "מצות בטילות לעתיד"

דער בעל שם טוב זאגט[נה], עס שטייט דאך: **"מצות בטילות לעתיד"**[נו]; וואס איז דער 'מצות בטילות לעתיד'? זאגט דער בעל שם, עס וועט זיין אזא נועם אין די מצוות, און דער רע וועט זיין אזא עקל, א 'גועל נפש', אז עס וועט נישט זיין שייך קיין 'מצוה', מען וועט אנקוקן דער רע אזוי ווי מען הייסט איינעם נעמען און טרינקען א דבר מר וסרוח, סם המות – 'וואס? עס דארף זיין א מצוה אויף דעם? מצוות?' - אזוי וועט שיינען די מוחין!

---

**נד.** תהלים צז, י.

**נה.** דגל מחנה אפרים לפסח ד"ה: ועתה נבוא לבאר מאמר בעל הגדה" וכו'.

**נו.** נדה סא ע"ב.

עס וועט זיין אזא נועם אין דעם 'עשה טוב' און אזא עקל אין דער 'סור מרע', אז עס וועט נישט זיין שייך קיין 'מצוה'. מען דארף דען איינעם אנזאגן אז ווען ער איז דארשטיג זאל ער טרינקען א גלאז קאווע מיט מילך - מען דארף אים דאס אנזאגן?! מען דארף אנזאגן א מענטש אז ער זאל נישט גיין אין קיין בלאטע?! - עס איז נישט שייך ביי דעם קיין ציווי!

אזוי וועלן די מצוות זיין לעתיד אזוי ליכטיג אז עס וועט זיין הוילע אלקות, עס וועט נישט זיין קיין 'מצוות' מלשון 'ציווי'.

[מורינו שליט"א התחיל שיר של דביקות].

# י״ש שכר לפעלתך

**ברכת מזלא טבא וגדיא יאה**

לכבוד הבחור כהלכה, אשרי שלו ככה, עוסק באורייתא תדירא,
ידוע בעבודתיו לפני נורא עלולה, מידותיו מוזהבות אצלו משולבות,
המשליך נפשו לחזק בני ישראל הדורשים בצמא את דבר ה׳
היוצאים מפי מורינו הגה״צ שליט״א, כשמן הטוב תורק שמו

ה״ה

# הבה״ח יואל שמעון קויפמאן ני״ו

## בן מוה״ר ישכר דוב הי״ו

## לרגל שמחת נישואיו למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת

## עב״ג מוה״ר אפרים אליעזר פריעדמאן הי״ו

בן להאי מעתיק שמועה החסיד הנלהב
**הגה״ח רבי יצחק פריעדמאן שליט״א**

**ובהאי עידן שמחתא ראוי לברכו ברכת ישר כח, על עזרתו המרובה בכל עת ועידן למען הצלחת המכון, ומשליך נפשו מנגד לעשות כל מה שביכלתו לפאר ולשבח ולרומם תוכן הקונטרס בכל חודש וחודש**

ויהא״ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה יפה, ואך טוב וחסד ירדוף אותו כל ימי חייו, ויזכה לישב באהלה של תורה במנוחה ושלוה כאוות נפשו הטוב, ויזכה עוד רבות בשנים לחזק רבבות בני ישראל באנפין נהירין ונהורא מעליא, זרעא חיא וקיימא, זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו בב״א

המברכים מעומקי דליבאי:
**חברי מכון דורשי יחודך**

# יאמין לבך

דער ערשטער גאנג זיך צו היטן בקדושה: אסאך היסח הדעת, אסאך היסח הדעת, **'יפה תורה עם דרך ארץ, שיגיעת שניהם משכחת עון'**.

ווען א איד ארבעט, ער איז פארנומען מיט דער ארבעט און טראכט נישט קיין שלעכטס, איז ער א א צדיק – א **'צדיק דנטר ברית'** (זוהר ח"א נט ע"ב).

אזוי ליב האט דער אויבערשטער א איד, ווען ער טוט נישט קיין שלעכטס איז ער א 'צדיק דנטר ברית'!

מכל שכן אז מען האט א נסיון און מען ברעכט עס, איז דאן 'כאילו קיים כל התורה כולה' פשוטו כמשמעו. און אפילו עס גייט איבער אויף אים נאכדעם וואס קען איבערגיין, אויב ער וועט סוף כל סוף צוריקגיין צום אויבערשטן, וועט ער אלעס האבן צוריק, דאס וועט זיין זיין גן עדן!

(מתוך דב"ק בדרשת שובבי"ם שנת תשס"ט לפ"ק)